ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



ד' תשרי תשס"ו

פרשת וילך–שבת שובה

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת וילך

### הליכה מחיל אל חיל

דער טייטש פון "וילך" איז - ער איז געגאנגען. מען שטייט ניט אויף דעם זעלבן ארט נאר מען האלט אין איין גיין.

די אפלערנונג דערפון :

א איד דארף שטענדיק גיין העכער און העכער אין אלע זאכן פון טוב און קדושה. ווי עס שטייט "ילכו מחיל אל חיל".

אין דעם גופא איז פאראן א ספעציעלע הוראה ווען מען לייענט "נצבים" און "וילך" אין באזונדערע וואכן. ווייל דעמאלט פאלט אויס ראש השנה אין דער וואך פון פרשת "וילך".

מיר ווייסן דאך אז "ראש השנה" האט א ווירקונג אויף א גאנץ יאר. ובמילא, וויבאלד אז "ראש השנה" לערנט מען "וילך", גיט דאס א כח, אז במשך דעם גאנצן יאר זאל מען האלטן אין איין שטייגן העכער און העכער, "מחיל אל חיל", אין אלע ענינים פון טוב און קדושה.

און דורך דעם איז מען זוכה, אז מען דערגרייכט די העכסטע דרגא - "ילכו מחיל אל חיל" ביז "יראה אל אלקים בציון", אז עס ווערט דער "וילך" - די הליכה צו ארצנו הקדושה, ביז צו "ציון", ירושלים עיר הקודש, במהרה בימינו ממש.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת כ"ד אלול תשמ"ה)*

טייערע קינדער שלוחים,

מיר זיינען יעצט אין א נייען יאר - שנת תשס"ו. מיר זיינען אין די טעג פון "עשרת ימי תשובה" ווען דער אויבערשטער איז זייער נאנט צו אונז און הערט זיך צו צו אונזערע תפילות.

איך בין זיכער אז איר זייט זייער פארנומען יעצט מיט די אלע הכנות צו יום כיפור און סוכות, אבער מאכט זיכער צו נעמען די צייט צו דאווענען מיט ספעציעלע כוונה אין די הייליקע צייט.

קינדער, איר- וואס איר זייט דעם רבינ'ס קינדער- זיכער באקומען זיינע הייליקן ברכות ערב יום כיפור, און איר וועט זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר!

בעיקר, וועלן מיר אלע פליען אין ירושלים נאך פאר דעם יום כיפור, מיר וועלן זען ווי דער כהן גדול וועט אריינגיין אין קדש קדשים , און מען וועט הערן ווי דער רבי וועט זינגן טיט אונז נאפאליאנ'ס מארש אין ירושלים!

איידלה וועכטער





# דערציילט מיר א מעשה

## דער חסיד וואס האט געטאנצט א גאנצע נאכט

## מוצאי יום כיפור

ס'איז געווען אמאל אויף מארגן נאך יום כיפור, ווען די אידן פון שטעטל זיינען געקומען גאר פרי צום דאווענען, האבן זיי געטראפן ווי א פוילישער חסיד טאנצט ארום דעם עמוד און זינגט דעם ניגון פון "שיר הכבוד" - "אנעים זמירות ושירים אארוג, כי אליך נפשי תערוג. נפשי חמדה בצל ידיך לדעת כל רז סודיך".

–דער חסיד איז געווען אזויפיל אריינגעטאן אין דעם ניגון אז ער האט אזוי געטאנצט א גאנצע נאכט, און גאר פארגעסן אז מען דארף זיך אפפאסטן.

יום כיפור זיינען דאך אידן דומה (צוגעגליכן) צו מלאכים, איז מוצאי יום כיפור בשעת מען דארף זיך אומקערן צו עובדין דחול (וואכעדיקייט), איז דער חסיד געשטאנען מיט געגועים (בענקעניש) פון "אליך נפשי תערוג" - און האט אזוי געטאנצט א גאנצע נאכט!



*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער– שיחת ליל שמח"ת תשכ"ב)*



# משיח נאו!

ווען שלמה המלך האט געבויט דעם בית המקדש האט זיך די שמחה פון די "חנוכת הבית" זיך געצויגן און עס איז אריבערגעגאנגען אויף יום כיפור. האבן די אידן געגעסן און געטרונקען אויף יום כיפור מיט די שמחה פון די חנוכת הבית! דעם זעלבן זאך וועט זיין איצטער ווען משיח קומט פאר יום כיפור, אז די שמחה וועט זיך ציען דורך די וואך: און אויף יום כיפור וועט מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה דורך עסן און טרינקען ביי די חנוכת הבית פון די בית המקדש השלישי!

# דעם חסידישן לוח

## ו' תשרי



## יארצייט פון רביצין חנה

כ"ח טבת אין יאר תר"מ איז רביצין חנה געבארן געווארן אין שטאט ניקאלאייעוו, צו הרב החסיד ר' מאיר שלמה ינובסקי דער רב פון ניקאלאייעוו און זיין ווייב רביצין רחל.

זי האט שפעטער חתונה געהאט מיט הרב החסיד ר' לוי יצחק שניאורסאהן וואס ער איז געווען דער רב פון יעקאטערינאסלאוו. ווען ער איז געשיקט געווארן צו גלות אין אלמא אטא איז זי מיטגעגאנגען און האט איס געהאלפן מיט אסאך מסירת נפש צו מאכן טינט פון גראז פאר זיינע כתבים. דער רבי האט פיל מאל גערעדט וועגן די גרויסע מסירת נפש פון זיין מאמע, און ווי אזוי די מסירת נפש האט אונז יעצט געהאלפן אז מיר האבן יעצט די הייליקע כתבים פון ר' לוי יצחק בזכותה.

רביצין חנה איז אנגעקומען אין אמעריקא אין תש"ז. זי האט געלעבט אויף פרעזידענט סטריט, און דער רבי איז יעדן טאג אריינגעגאנגען צו איר.

ראש השנה תשכ"ה איז רביצין חנה געקומען אין שוהל - פארקערט פון וואס די דאקטוירין האבן געזאגט. יענע יאר האט דער רבי שטארק געווײנט ביי די הפטורה פון חנה הנביאה.

אויפן צווייטן טאג יום טוב איז רביצין חנה ניט געקומען אין שוהל, און ווען דר. זעליגסאן איז אויפגעשטאנען און האט געזאגט רפואה שלימה צו חנה בת רחל, האבן אלע פארשטאנען אז זי איז אין א שווערע מצב.

שבת ו' תשרי, תשכ"ח איז רביצין חנה אוועק. אלע זיינע ארויסגעקומען צו די לוי' פון די געהויבענע קעניגן . יענע שבת איז געווען א קליינע פייער אין 770, און די בענקל וואו רביצין חנה איז געזעסן איז פארברענט געווארן.

ב"ה




## יום כיפור

### פון א יומן פון תשמ"א

ערב יום כיפור איז דער רבי געקומען אין 770 ארום 6:40 און איז אריינגעגאנגען אין זיין הייליקן צימער. דערנאך איז ער ארויסגעקומען און האט געמאכט כפרות אין די "חצר". טאקע א גליקליכע הענדל וואס האט געהאט דעם זכות זיין דעם רבי'נס "כפרה"!

שפעטער האט מען געהערט פון הרב גראנער אז דער רבי האט געזאגט אז מען זאל ניט פארהאלטן מענטשן פון קומען פאר לעקאח, –ווייל מען האט אלעמאל געפראוואוט מאכן דעם ליין פון חסידים קירצער ערב יום כיפור - נאר מען זאל לאזן אלע וואס קומען. און ווייל עס איז ערב יום כיפור, זאל מען ניט שפילן מיט דעם!

גלייך פאר דאווענען איז דער רבי אראפגעקומען, און זיין פנים האט געשיינט ווען ער האט געגעבן געלט צו די קינדער אויף לייגן אין צדקה.

גלייך נאך שחרית האט דער רבי ארויסגעגעבן לעקאח און געזאגט אז מען וועט ממשיך זיין נאך מנחה. שורות פון אידן זיינען געשטאנען צו באקומען א שטיקל האניג קייק מיט דעם רבינ'ס ברכות. מיט דאס אין האנט האט מען געוואוסט אז אלץ וועט טאקע זיין זיס דעם קומענדיקן יאר...

גלייך נאך מנחה, איז דער רבי געקומען צום מייקראפון און האט געבענטש אלע אידן מיט א "ברכה כללית". נאך דעם האט דער רבי ווייטער ארויסגעגעבן לעקאח. און דערנאך איז דער רבי געפארן אהיים.

גלייך פאר יום טוב איז דער רבי צוריקגעקומען אנגעטאן אין זיין ווייסן קיטל.

יעצט איז געווען די צייט פון "ברכת הבנים " ווען א טאטע בענטשט זיינע קינדער. און יעצט האבן זיך צאמגעפאקט אלע בחורים פאר א ברכה פון אונזער טאטע - דעם רבי'ן. דער רבי האט געבענטש אויף א גוטע יאר און געזאגט "יברכך ה' וישמרך...".

גלייך נאכדעם איז דער רבי געגאנגען דאווענען כל נדרי. ווי גליקלאך זיינען די וואס האבן געזען א דאווענען מיטן רבי'ן...
נאך דאווענען איז דער רבי געבליבן צו זאגן תהילים.

אויף יום כיפור אליין איז געווען די העכסטן ביי חסידים, די צייט פון "נאפאליאנ'ס מארש". ביי נעילע איז דער רבי אויפגעשטאנען און האט געזונגען און געשטורעמט מיט חסידים "נאפאליאנ'ס מארש" א מארש פון נצחון . די חיות און שמחה איז געפילט געווארן ביי אלעמען. טאקע האבן אידן –חסידים נאכאמאל מנצח געווען, און דער אויבערשטער וועט אונז שיקן א זיסע יאר!

נאך יום כיפור האט דער רבי געזאגט "גוט יו"ט" דריי מאל, און האט אנגעהויבן דעם ניגון "כי בשמחה תצאו"...

און ער איז אריינגעגאנגען אין זיין הייליקן צימער.

א פאר מינוט שפעטער איז דער רבי ארויסגעקומען אויף קידוש לבנה, און מיט דעם האט זיך געענדיקט דעם הייליקן טאג פון יום כיפור.

קינדער, דעם יאר אויך בענטשט אונז דעם רבי'ן, און מיר האפן צו זען דעם יאר זיין הייליקן געזיכט ווי ער זינגט דעם לעצטן מארש ווען מיר טאנצן אריין אין גאולה!

### פון דעם רבי'נס הייליקע ווערטער:

## עשרת ימי תשובה

### יעדער יחיד איז א ציבור

די חז"ל זאגן אז אין די עשרת ימי תשובה איז יעדער איינצלנער איז אזוי חשוב ביים אויבערשן פונקט ווי א גאנצער ציבור (פון צען אידן).

אין די טעג הערט דער אויבערשטער די תפילה פון יעדן יחיד פונקט ווי עס וואלט געווען א תפילה פון א גאנצן ציבור.

דערפון איז אויך פארשטאנדייק, אז די אלע גוטע מעשים וואס א איד טוט אין די צען טעג האבן גאר א ספעציעלע ווירקונג - ווייל עס איז פונקט ווי א גאנצער ציבור וואלט עס געטאן!

קען מען זיך פארשטעלן ווי שטארק ס'איז די חשיבות ביים אויבערשטן ווען אידישע קינדער קלייבן זיך צוזאמען אין די דאזיקע טעג כדי צו שטארקן איינער דעם צווייטן מיט ליבשאפט, "ואהבת לרעך כמוך", ביז צו איינווירקן אויף יעדן אידיש קינד אפילו אזא וואס ווייס נאך דערווייל ניט פון אידישקייט!

און זיכער גיט דער אויבערשטער די פולסטע הצלחה אויף קענען דורכפירן אלע גוטע באשלוסן בשמחה וטוב לבב.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ה' תשרי תשד"מ)*

## יום כיפור

### "אחת בשנה"

דער אפשלוס פון די עשרת ימי תשובה איז יום הכיפורים, אויף וועלכן עס שטייט "אחת בשנה" - עס איז אן איינציקער טאג אין יאר.

דער רמז דערביי איז, אז יום הכיפורים איז א טאג וועלכער פאראייניקט אלע אידן, ווי מיר זעען ביים אפשלוס פון טאג, אז אלע אידן שרייען אויס צוזאמען "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**", אז מיר נעמען אן אלע צוזאמען די מלכות פון דעם איין און איינציקן אויבערשטן, ווי מיר זאגן גלייך דערנאך "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" (דעם אויבערשטנ'ס מלכות איז אין אלע וועלטן).

דערפאר איז יום הכיפורים דער אפשלוס פון אלע עשרת ימי תשובה, וועלכע הויבן זיך אן מיט ראש השנה, ווען מיר קרוינען דעם אויבערשטן אלס מלך, און דאס ווערט פאר'חתמ'עט און פארזיגלט אין דעם אפשלוס פון לעצטן טאג פון עשרת ימי תשובה, ביים אויסשרייען "שמע ישראל" און ברוך שם".

און דער סאמע אפשלוס פון יום הכיפורים איז - צו בלאזן א "תקיעה גדולה" און אויסשרייען "**לשנה הבאה בירושלים**", וואס דערמאנט אויף דעם "**תקע בשופר גדול לחירותינו**", בגאולה האמיתית והשלימה.

ויהי רצון אז במהרה בימינו ממש זאל געבויט ווערן דער "בית המקדש" און עס וועט מקויים ווערן "לשנה הבאה בירושלים".

*( פון דער רבי רעדט צו קינדער - משיחת ח' תשרי תשמ"ו)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org